# און אַז די בריוו וועלן קומען צוריק...

איז אַ פייגעלע געפלויגן
איבער ווייטע ימען,
צעטרערט דעם קינד די אויגן,
לאָזט איבער געוויין די מאַמען.

זאָל דער טויט זיך פּרוכטפּערן און מערן,
מאַרשירט אויף גלידער פון אַ זקן,
זאָלן יינגע טאַטעס פּאַרלאָשן ווערן
ווי אָוונט-קלאַנג פון קלויסטער-גלאָקן.

זעט, די לבנה איז זעלבסטמאָרד באַגאַנגען,
האָט זיך געהאָנגען אויף טעלעגראַף-דראָט.
דער טאָג זיצט געהויקערט אין תּפיסה געפאַנגען.
וואָלקנס לויפן נאַקעט אַרויס פון דער שטאָט.

דאָס זענען די שוואַכע, וואָס האָבן מורא פאַר כּעס.
איר חזרט זיך איין: לית דין ולית דיין!
און זאָל אייך נישט אַרן, וואָס די שטיינער אין גאַס
זענען פון ווייטיק משוגע און שרייען.

זאָלן זיך דונערן וויקלען איבער יידישע שויבן,
זאַוויערוכע זאָל רייסן שלעסער און ריגל.
ברענענדיקע שולן זענען רויטע טויבן,
וואָס פירן פלאַמיקע בריוו אונטער פלאַמיקע פליגל.

נאָר ווי וועט אייך זיין ווען די הייסע בריוו
וועלן נישט געפינען דעם וועג און קומען צוריק.
וועט אייער האַרץ זיך וואַקלען און פאַלן ווי אַ שיכּורע שיף,
און דער ים וועט אייך אויסשפּייען שטיק נאָך שטיק.

און נאָך יאָרן וועט מיט האָניק טריפן אַ נאַכט.
די פענצטער וועט פיעשטשען אַ וואַרעמער ווינט.
אַ מוטער וועט שמייכלען צום דרויסן פאַרטראַכט
און מיט אַ ליד פאַרוויגן איר וויינענדיק קינד:

אַילו, אַמאָל איז געווען מעשה,
ליו-ליו, די מעשה איז זייער פריילעך,
אַילו, די צעשה הייבט זיך אָנעט
אַיליו-ליו, מיט אַ פעלדפעבל אַ מלך.

---

**פאָלקסצייטונג, 25.11.38**